

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ״ק מרן רבינו הקוה״ט זיעועכי״א - בנשיאות כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א

## קרית יואל - בני ברק

בס״ד

**מכינה א׳** הר״ר נפתלי יעקב פאלאטשעק הי״ו

# שאלות אויף פרשת מסעי

**א. וועלכע סדרה גייט די וואך?**

מסעי.

**ב. וואס איז טייטש מסעי ?**

די ציאונגען.

**ג. וואס מיינט דאס ציאונגען ?**

גיין פון איין פלאץ צו א אנדערע פלאץ א.א.וו.

**ד. וואס האט דער אייבישטער געזאגט פאר משה רבינו ?**

ער זאל אפשרייבן אלעס וואס איז געווען אין מדבר.

**ה. וואו שטייען יעצט די אידן ?**

פאר'ן אריינגיין אין ארץ ישראל.

**ו. פארוואס האט מען געדארפט דאס אפשרייבן ?**

מען זאל געדענקען אלע נסים וואס דער אייבישטער האט געטוהן מיט די אידן.

- **מיר האבן פארציילט די ״משל״ וואס רש״י הק׳ ברענגט פון מדרש תנחומא, א קעניג גייט מיט זיין יונגל צום דאקטער זיך צו היילן, אויפן וועג צוריק דערמאנט די טאטע וואו מ'איז אלץ אריבער. דער ״נמשל״ איז, אז משה רבינו רעכנט אויס זאכן וואס עס איז אריבער אויף זיי אין מדבר:**
  - ⇐ **נאך ווען מ'איז ארויס פון מצרים זענען פרעה מיט די מצריים נאכגעלאפן די אידן, און דער אייבישטער האט זיי דערטראנקען אין ים.**
  - ⇐ **אין ״מרה״ איז געווען ביטערע וואסער, משה רבינו האט אריינגעווארפן א האלץ איז עס געווארן זיס.**
  - ⇐ **אין ״אלים״ האבן די אידן געהאט 12 קוואלן וואסער מיט 70 טייטלביימער.**
  - ⇐ **אין ״מדבר סין״ האט אנגעהויבן צו קומען די מן פון הימל.**
  - ⇐ **אין ״רפידים״ האט משה רבינו געקלאפט אויפן שטיין און עס איז געקומען וואסער פאר די אידן.**
  - ⇐ **אין ״מדבר סיני״ האט מען באקומען די הייליגע תורה, און אויפגעבויעט די משכן.**
  - ⇐ **אין ״הר ההר״ איז אהרן הכהן נפטר געווארן, (דערמאנט נאך אפאר זאכן ווי מלחמת עוג און מדין).**

**ז. וואס וועלן די אידן טוהן ווען זיי וועלן אריינגיין אין ארץ ישראל ?**

זיי וועלן ארויסטרייבן די אלע גויים און צוברעכן זייערע געטשקעס.

**ח. וואס גייט מען זאגן ווען מען ענדיגט צו ליינען די פרשה ?**

חזק חזק ונתחזק.



# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

בס"ד

**מכינה א'** הר"ר נפתלי יעקב פאלאטשעק הי"ו

# בנוסף לשאלות הנ"ל

**סיפרנו השבוע על:**

- **ערי מקלט -** השי"ת ציוה למשה רבינו אמור לבני ישראל כשאתם עוברים את הירדן ותכנסו לארץ ישראל תכינו לכם ערי מקלט כדי שאם אדם יהרוג ח"ו אדם אחר בלי כוונה (הסברנו להם הפי' איך קרה שנהרג בלי כוונה) יוכל לברוח לשם לערי מקלט, ויהיה שם עד שימות הכהן גדול, ואמו של הכהן גדול היתה מביאה לו מאכל ומשתה.

*בברכת א גוט שבת*
*און פיל נחת פון די קינדער*
***המלמד***

השבוע היה ה"שבת טאטע"
התלמיד
**אלי' שטיינמעטץ נ"י**

***ניגון*** *: זאל שוין זיין די גאולה... משיח זאל שוין קומען...*